בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## כי תצא תשי"ג

**זכירת יציאת מצרים ומעשה עמלק, ומצות שִׁלּוּחַ הַקֵּן**

• באר מים חיים: טעם שנצטוינו לזכור יציאת מצרים ומלחמת עמלק, יותר משאר נסים גדולים • מצות שילוח הקן מיוחד במינו, שקיומה הוא בהיסח הדעת • מצות שילוח הקן צריך להשתוקק אליה, ללמוד ההלכות, ולהיות מוכן ומזומן לקיימה, אבל שלא לעשות שום "פעולות" עד כִּי יִקָּרֵא. וכעין זה הוא ענין הגאולה • צריך לצפות להגאולה בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וּבִטָּחוֹן אֲמִיתִּי, ולהתפלל עליה תמיד, אבל אין לְצַיֵּר לעצמו כיצד תהיה • מכח מצות שילוח הקן: נתגברו הדינים להטביע המצריים בים, ויוכנע כח הטומאה בגאולה העתידה •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

# מערכת לשון קדשו

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

פאר הגהות און קאמענטארן לאזט א מעסעדזש אויף **347-352-1850**. צו נעמען א חלק דורך א קרעדיט קארטל: **718-673-2199**

---

**קונטרס 115**

## לשמיעת הדברות קודש:

(אמעריקא) **718-298-4641** (ארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 3333419-72-972+)

**צו הערן די תורה כי תצא תשי״ג**

דרוקט: **#→613→5→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(**24** מינוט) **קלאָר**

★★★★★

---

# ברכת מזל טוב

הר״ר **יצחק הערש היימאן** הי״ו
לרגל אירוסי בתו תחי׳
עב״ג החתן **שמואל זלמן** נ״י בן הר״ר **משה אהרן ברייער** נ״י

הר״ר **ברוך מרדכי אקערמאן** הי״ו
לרגל נישואי נכדו החתן **צבי** נ״י בן בנו הר״ר **יואל** הי״ו
עב״ג בת הר״ר **חיים שרגא הירש** נ״י

הר״ר **אלעזר קליין** הי״ו
לרגל נישואי בתו עב״ג החתן **יוחנן** נ״י
בן הר״ר **ישראל מאיר מענדלאוויטש** נ״י

ברכת רבינו יחול על ראשם, וזכות לימוד תורה דרבים וזכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם, שהזיווגים יעלו יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.

•

# וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן

לע״נ הרה״ח המופלג בתורה ובמעשים טובים
רבי **יצחק יחיאל** בהר״ר שמואל ז״ל **שלעזינגער**
נפטר י׳ אלול תשס״א לפ״ק

חלקו נפל בנעימים להיות אכסניא של תורה, ורבינו דר בביתו בבעקערטאן ראוד בקרית יואל בשנותיו האחרונים

לע״נ האשה החשובה והצנועה יראת ה׳ אוצרה
מרת **רבקה** ע״ה
ב״ר **אלטר יצחק מאיר** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **אפרים שמואל פעלדמאן** ז״ל
נפטרה י״ג אלול תשע״ד לפ״ק

הגאון החסיד, היה אדוק ומקושר ברביה״ק זי״ע וזכה ממנו לקירבה יתירה
רבי **נתן דוד** ב״ר משה שמואל ז״ל
**זילבערשטיין**
בעמח״ס **משנת דוד** - נפטר ה׳ אלול תשס״ג לפ״ק

KolSatmar.com

א

# קושיות ודיוקים בפרשת שילוח הקן

### קושיא א

[כִּי יִקָּרֵא קַן צִפּוֹר לְפָנֶיךָ וגו' לֹא תִקַּח הָאֵם עַל הַבָּנִים]. **שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים.**

במדרש: אם קיימת מצות שילוח הקן, אתה ממהר ביאת המשיח ואליהו הנביא

**דער מדרש זאָגט[א], אם אתה מקיים מצות שילוח הקן, [שנאמר בו] שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח, אתה ממהר להביא רגליו של משיח, שנאמר (ישעי' לב, כ) מְשַׁלְּחֵי רֶגֶל הַשּׁוֹר וְהַחֲמוֹר[ב].**

**דאָ שטייט "שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח", און דאָ שטייט "מְשַׁלְּחֵי".**

**דבר אחר, אם קִיַּמְתָּ מצות שילוח הקן, אתה ממהר להביא את אליהו, שנאמר (מלאכי ג, כג) הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.**

**[דאָ שטייט] "שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח", און [דאָ שטייט] "שֹׁלֵחַ" לָכֶם אֵת אֵלִיָּהוּ.**

ב

ויש להבין שייכות ביאת המשיח למצוה זו דייקא

**א) ברויך מען צו פאַרשטיין, וואָסערע שייכות האָט עס די מצות שילוח הקן מיט ביאת המשיח און מיט אליהו הנביא.**

ג

# קושיות ודיוקים בפרשת מחיית עמלק

### קושיא ב

[בסוף פרשתן, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם וגו'.

ב) ויש להבין כוונת הכתוב במה שהדגיש שהיה זה בעת צאתם ממצרים. וגם שאמר זה בלשון הוה "בְּצֵאתְכֶם", ולא אמר בלשון עבר, 'כשיצאתם' ממצרים]. (הביאור בדברי רבינו אות טו)

ד

### קושיא ג

במדרש: הוו זהירין בזכירת מחיית עמלק, ואם זכיתם אתם בניו של אברהם שהמשיל עצמו כאפר, ואם לאו התקינו עצמכם לשעבודה של מצרים

**דער מדרש זאָגט[ג], זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק - דער מדרש תנחומא, - זה שאמר הכתוב (איוב יג, יב) זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי אֵפֶר, לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם.**

---

[א] **בדברים רבה** (ו, ז): מהו שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם, אם קִיַּמְתָּ מצוה זו אַתְּ ממהר לבוא מלך המשיח, שכתוב בו "שילוח", מנין, שנאמר מְשַׁלְּחֵי רֶגֶל הַשּׁוֹר וְהַחֲמוֹר.

דבר אחר, אמר רבי תנחומא, אם קִיַּמְתָּ המצוה הזאת, אתה ממהר את אליהו הנביא זכור לטוב שיבוא, שכתוב בו "שילוח", שנאמר הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא. והוא יבא וינחם אתכם, מנין, שנאמר (מלאכי שם, כד) וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים.

[ב] דבפסוק זה נרמז ביאת המשיח, וכמבואר **בתנחומא** (בראשית, סימן א): מְשַׁלְּחֵי רֶגֶל "הַשּׁוֹר", זה משיח בן יוסף שנמשל לשור, וְהַחֲמוֹר, זה משיח בן דוד, שנאמר (זכרי' ט, א) עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר.

[ג] **במדרש תנחומא** (כאן, סימן ה): זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו', רבי תנחומא בר חנילאי פתח זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי אֵפֶר לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם, אמר הקב"ה לישראל, אותן שתי זכירות שכתבתי לכם בתורה הוו זהירין בהן, תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, מִשְׁלֵי אֵפֶר, משולי אפר, אם זכיתם אתם בניו של אברהם שהמשיל

KolSatmar.com

אמר הקדוש ברוך הוא [לישראל], שתי זכירות אמרתי לכם, **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**, [תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק] **לֹא תִּשְׁכָּח**, אם אתם תהיו זהירין בשתי זכירות [אלו], אתם מְשׁוּלִים לאברהם אבינו [שהמשיל עצמו כְּאֵפֶר], **מִשְׁלֵי אֵפֶר**.

**"זִכְרֹנֵיכֶם"** [אותן הזכירות] אַז מ'וועט מקיים זיין, זענט עטץ **מִשְׁלֵי אֵפֶר**, זענט עטץ נִמְשָׁלִים צו אברהם אבינו שאמר וְאָנֹכִי עָפָר **"וָאֵפֶר"** (וירא יח, כז). **ואם לאו, לְגַבֵּי "חֹמֶר" גַּבֵּיכֶם**, התקינו עצמיכם לשעבודה של מצרים, שנאמר (שמות א, יד) **וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם** [בַּעֲבֹדָה קָשָׁה] **"בְּחֹמֶר" וּבִלְבֵנִים**.

**אַזוי שטייט אין מדרש תנחומא.**

**ה**

ויש להבין השייכות מזה לענין שעבודה של מצרים

ג) ברויך מען צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס, די "זכירה" [של מחיית עמלק] מיט **"יציאת מצרים"**, [עד שאומר דאם לא יזכרו זכירת מעשה עמלק, יתקינו עצמם לשעבוד מצרים].

**ו**

**קושיא ד**

ד) [וכן צריך להבין בהרישא, מה שאמר דאם יהיו זהירין בזכירה זו, יהיו כאברהם אבינו שהמשיל עצמו לאפר, וצ"ב השייכות מענין אברהם אבינו לזה]. (הביאור בדברי רבינו באות ??)

**ז**

# הקדמה לישוב הקושיות

**קושיא א של הבאר מים חיים**

למה נצטוינו לזכור זכירת יציאת מצרים ומעשה עמלק דוקא, ולא שאר נסים גדולים כגון מלחמת סיחון ועוג

**נאָר 'גאָר פשוט' קען מען זאָגן.**

[בהקדם וואָס] **ס'שטייט אין באר מים חיים**, אין די וואָכעדיגע סדרה אין באר מים חיים, זאָגט ער אַ טעם פאַרוואָס[ד], פאַרוואָס הייסט מען אייביג געדענקען [זכירת] **יציאת מצרים און עמלק'ן**, פאַרוואָס הייסט מען נישט געדענקען [מפלת] **סיחון ועוג** וואָס ס'איז אויך געווען [נסים גדולים].

[ועוד שהרי ס'איז] **נאָך שווערער געווען** [להפיל סיחון ועוג, מִלְּנַצֵּחַ חיילותיו של פרעה, אַזוי ווי] **ס'שטייט חכמינו ז"ל זאָגן** (תנחומא דברים, סימן ד) **ס'איז נאָך שווערער געווען** [סיחון ועוג] **ווי חיילותיו של פרעה.**

און כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה [איז געווען] אַזויפיל נסים ונפלאות [שנעשו לישראל] וואָס מ'הייסט נישט געדענקען אייביג.

---

עצמו כאפר, שנאמר (וירא יח, כז) וְאָנֹכִי עָפָר "וָאֵפֶר", ואם לאו, **לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם**, התקינו עצמכם לשעבודה של מצרים, שנאמר (שמות א, יד) וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה ["בְּחֹמֶר" וּבִלְבֵנִים] וגו'. [ס"א התקינו עצמכם לשעבוד גליות, שנאמר (תהלים קכט, ג) עַל "גַּבִּי" חָרְשׁוּ חֹרְשִׁים].

[ד] **בבאר מים חיים** (סוף פרשתן) [בקושיתו]: **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו'**. נתתי אל לבי לתור בחכמה להבין מה נשתנו הזכירות הללו שצונו הקב"ה לזכרם על הניסים ועל הנפלאות שעשה עמנו, ולא כן בנפלאות אחרות אשר הראנו, כי לא מצינו זכרון נפלאותיו אשר צונו כי אם **במעשה עמלק, וביציאת מצרים** שנאמר בו (ראה טז, ג) לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וכו', ולא כן צונו במלחמות סיחון ועוג הנראים יותר גדולים מאלו, כי הִנֵּה עַרְשׂוֹ עֶרֶשׂ בַּרְזֶל וגו' (דברים ג, יא) או בכבישת ל"א מלכים, או במלחמות נחלי ארנון, ומפלת סנחרב, וכדומה, הלא דבר הוא. ועוד להבין עיקרן של דברים הללו למה נצטוינו לזכרם בכל עת.

KolSatmar.com

## ח

### קושיא ב של הבאר מים חיים

מהו הרבותא ביציאת מצרים שנאמר על זה לשון "בחוזק יד" או "ביד חזקה", וכי יש דבר קשה לפני הקב"ה שיהא נקרא כך

**איז דאָרט דער באר מים חיים מסביר**[ה] **דאָס ענין וואָס איז די גרויסע** [רבותא עם "יציאת מצרים", עד שהפליג הכתוב ואומר (עקב ז, יח-יט) זָכֹר תִּזְכֹּר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפַרְעֹה וּלְכָל מִצְרָיִם, הַמַּסֹּת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ] **וְהָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים וְהַיָּד הַחֲזָקָה** [וגו', דמשמע] **ס'איז 'שווער' געווען** [ענין] **יציאת מצרים.**

## ט

[דלכאורה מאי כל הרעש בזה, והלא אצל] **"הקדוש ברוך הוא" איז דאָך כולי עלמא איז דאָך כְּלָא** [כְּאַיִן נֶגְדּוֹ, וּכְאֶפֶס וָתֹהוּ נֶחְשְׁבוּ לוֹ]. **וַהֲסִירוֹתָ יָד כְּרֶגַע כְּחָצִיר אֻמְלָלוּ**[ו]**.**

[וְאֵין מַעְצוֹר לַה' לְהוֹשִׁיעַ] **אין 'איין רגע'** [להציל את ישראל מיד מצרים], **די השפעה** [של כל הבריות] **איז פון בורא כל עולמים** [ואם מסיר השגחתן מהם הם כולם כְּלָא ברגע אחד, ואם כן] **ווי איז פאַרהאַנדן א 'שוועריגקייט'** [עד שהכתוב קראו "בְּחֹזֶק יָד"]**.**

---

[ה] **בבאר מים חיים** (שם) [בתירוצו]: ואמנם נודע וידוע לכל חכמי לב מה שנאמר בתורה הקדושה כמה פעמים בגאולת מצרים כִּי בְּחוֹזֶק יָד הוֹצִאֲךָ וגו', ודבר זה קשה להולמו, וכי איזה דבר קשה לפני המקום ברוך הוא עד שיצטרך לעשותו בחוזק יד ובזרוע נטויה, הלא כָּל הַגּוֹיִם כְּאַיִן נֶגְדּוֹ כְּאֶפֶס וָתֹהוּ נֶחְשְׁבוּ לוֹ (ישעי' מ, יז), וְאֵין מַעְצוֹר לַה' לְהוֹשִׁיעַ בְּרַב אוֹ בִמְעָט (שמואל א' יד, ו), כשהיה במחנה אשור קפ"ה אלף ראשי גייסות וגו' ובשעה אחת וישכימו בבוקר והנה כולם פגרים מתים וכו'. ומפני מה לא נאמר "חוזק יד" על שום מלחמה, כמו מלחמות סיחון ועוג וכדומה, רק על **יציאת מצרים.**

ואמנם האמת הוא, כי מה שהוצרך שם ליד החזקה ולרוב מופתי גבורתו שמה, לא מפני תוקף מצרים "שלמטה" וכו', ואולם הנה גודל קושי השעבוד והחושך הקשה שהיה במצרים "לגופות" ישראל, שנשתעבדו בחומר ובלבנים בכל עבודתן שעבדו בהן בפרך, הכל היה עבור התגברות כוחות הטומאה והקליפה הקשה עֶרְוַת מִצְרָיִם על שורש "נשמתן" של ישראל, וישראל היו אז נכנסין במ"ט שערי טומאה עבור מעשיהם הרעים שהיו עובדין עבודה זרה וכו', והתגבר כח הקליפה הנגדיות על בחינת הקדושה ולא הניח להתפשט אורות החסדים למטה, כנודע מדברי מרן **הרב האר"י** ז"ל (בכוונת פסח ודרושי פרשת שמות). וכאשר היה בשורש "נשמתן", כן נעשה למטה פרעה הרשע שנאחז בשורש הקליפות ההם על ידי גילוליו וכשפיו השתעבד "בגופות" ישראל. ועל כן נעשה הגאולה בחצי הלילה במהירות רב ובפתע פתאום וכו', והוצרך הקב"ה לעבור במצרים בעצמו ובכבודו, כי כל כך הגדיל שם החושך והקליפה הקשה, שלא היה כח בשום מלאך או שרף להגביר עצמו על הקליפה, והכל עבור שקיעת נשמות בני ישראל בתוכה על ידי מעשיהם, ולכן הוצרך בכבודו ובעצמו להאיר באורו הרב והנורא פתאום על שורש נשמת ישראל, כדי להוציא את הנשמות ההם מתחת יד הטומאה החזקה. ונעשה בהשתנות גדול מכל העתים והזמנים, כי בכל הישועות שנעשה לישראל הכל צריך להיות על ידי חזרת ישראל בתשובה שלימה לפני המקום, ויפנו לבבם אליו בכל עוז ותעצומות, ועל ידי כן מתרבה אור הקדושה על כח הקליפה, וזאת במעט מעט בהדרגה אחר הדרגה, עד אשר תתגבר כח הקדושה לגמרי על הקליפה ותוכנע הקליפה תחת הקדושה, ועל ידי כן נעשה הישועה לישראל מיד מבקשי נפשיהם בישועת ה' עליהם. ולהיפוך מזה היתה הגאולה במצרים, כי ישראל לא היו ראוין לגאולה וכו'. ועוד שהאיר האורה פתאום באור גדול שלא כסדר הדרגות ממטה למעלה, כנודע **מכוונות**, והכל היה כי אילו נתעכבו שם ישראל אף רגע לא היו יכולין לצאת משם לעולם ח"ו וכו', כי היו נכנסין בשער הנו"ן של הטומאה ולא היתה תקומה למפלת שונאי ישראל ח"ו. והקב"ה ברוב חסדיו וכו' האיר אור גדול בפתע פתאום ובמהירות גדול על שורש נשמת ישראל להוציאם מתחת יד הקליפה הקשה, וממילא יצאו גם גופות ישראל מתחת יד פרעה. וזה הוא עיקר החוזק יד והזרוע נטויה שהיה במצרים, עבור שלא היו ישראל ראוין אז לגאולה ועל כן היה שליטת הקליפות במאוד על נפשותיהם, והוא ברחמיו פסח על כל אלה וגאלם.

והנה אם היו ישראל ראוין אז לגאולה. אז היתה הקליפה ההיא בטילה ומבוטלת לגמרי עד עולמי עד, ולא יפקד ולא יזכר שמה עוד. ואולם עבור שיצאו בחפזון שלא בטוב מעשיהם, נשארה הקליפה ההיא ושולטת עדיין בנשמות ישראל לפי כוחה וערכה בכל זמן אשר תמצא לשלוט בהם לערך מעשיהם. ואמנם הן עם בני ישראל לא ינוחו ולא ישקוטו ותמיד עוסקים במצוות ה' יומם ולילה כל אחד לפי ערכו, ובזה הם גואלים את נפשותיהם במעט מעט בכל יום ויום מהקליפה ההיא, עד אשר תוציא בלעה מפיה על ידי מעשיהם של ישראל, ואז יגאלו ישראל גאולה שלימה שאין אחריה עוד גלות, לֹא בְחִפָּזוֹן וְלֹא בִמְנוּסָה (ישעי' נב, יב).

[ו] מלשון הפייטן **בסדר העבודה ליום כיפור**, על דור אנוש שעבדו ע"ז, והציף הקב"ה עליהם מי אוקיינוס ונאבדו.

KolSatmar.com

### י

### תירוץ הבאר מים חיים על קושיא ב שלו

השעבוד הגוף שבמצרים היה עבור שעבוד הנשמה למעלה, שנשתעבדו לשרי הטומאה בשמים מחמת עונותם,
ובזה יש שפיר רבותא מה שיכלו לצאת מזה, אף שלא היה בידם זכות לזה והיו משוקעים במ״ט שערי טומאה

נאָר [הענין] גיט ער צו פאַרשטיין [בבאר מים חיים], **דער עיקר** [יציאת מצרים] **איז געווען דעס וואָס מ׳האָט געדאַרפט ׳דורכברעכן׳ די ״כוחות הטומאה״.**

אידן [במצרים] זענען געווען משוקעים אין מ״ט שערי טומאה, האָט מען געדאַרפט האָבן מ׳זאָל מִתְגַּבֵּר זיין דער כח הקדושה, **דער כח פון ״אידן״** אַקעגן [דעם כח פון] די מצריים, און ס׳איז נישט געווען ׳מיט וואָס׳.

האָט מען געמוזט ׳אויפאַמאָל׳ אַריינשיינען און אידן אויפהייבן, זיי זאָלן קאָנען מתגבר זיין אויף די כוחות הטומאה.

דאָס איז דאָס ׳שוועריגקייט׳ פון דעם ענין. [ווייל] **דאָס איז דער גרעסטער שידוד המערכה,** צו אַרויסנעמען אידן אפילו [ווען] זיי האָבן גאָרנישט געטון [באתערותא דִלְתַתָּא. אבל היו במצב של] וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ[ז] (בא יב, לט). [וכדי להוציאם האָט מען] **אויפאַמאָל געמוזט טון אַ דְּבַר הַפְּלֶא, אין די ׳רגע׳, אין די לעצטע רגע.**

### יא

### תירוץ הבאר מים חיים על קושיא א שלו

אף שיצאו משעבוד הגוף במצרים, אבל לא נמחק לגמרי טומאת וקליפת מצרים, ועדיין צריך ללחום
נגד זה בכל דור ע״י קיום מצות ומעשים טובים והתגברות כח הקדושה על כח הטומאה והיצר הרע

נאָר אָבער, [הגם שיצאו ממצרים], ס׳איז אָבער נישט אינגאַנצן נאָך אויסגעמעקט געוואָרן די ׳טומאת מצרים׳, ס׳איז נאָך געבליבן אַלץ.

איבערדעם מוז מען נאָך ׳האָרעווען כסדר׳, **מיט אַלע מצות ומעשים טובים,** [כדי] מ׳זאָל מכניע זיין וואָס ס׳איז נאָך געבליבן [מטומאת מצרים].

איבערדעם מוז זיין [כמה מצות שהם] **אַ ״זכר ליציאת מצרים״.**

### יב

ולכן נאמר בלשון הוה ״הַמַּעַלְךָ״ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, כי גמר יציאת מצרים נעשה בהוה בכל דור ודור

[ולזה ג״כ אמר הכתוב] אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (תהלים פא, יא), **ער נעמט אַרויס** [כסדר], **שטייט נישט ״אֲשֶׁר הֶעֱלִיתִיךָ״** [בלשון עבר], **נאָר ״הַמַּעַלְךָ״** [בלשון הוה][ח].

**דער בורא כל עולמים ׳נעמט כסדר אַרויס׳ אידן פון ״מצרים״.**

**מיט דעם וואָס אידן טוען מצות און מעשים טובים, איז מתגבר דער כח הקדושה, איז מען נאָך** [גם עתה] **מַכְנִיעַ די כוחות וואָס זענען ׳געבליבן׳ פון ״מצרים״, דער כח הטומאה.**

### יג

וכן הוא בענין מלחמת עמלק, דאף שנצחו את עמלק, אבל רק החלישו אותו כדכתיב
״וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ״, אבל לא ביטלו אותו לגמרי, ולכן עדיין יש מלחמה לה׳ בעמלק ״מדור דור״

און די זעלבע איז ביי עֲמָלֵק׳ן[ט].

---

[ז] וכמבואר בכתבי האר״י הק׳ (ליקוטי תורה וירא) ובספרים הק׳, דבני ישראל היו במצב כזה, דאלמלי היו נשארין במצרים עוד רגע אחד, היו נופלין לשער הנ׳ שבטומאה, ועל זה נאמר וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ.

[ח] **בבאר מים חיים** (שם) [בהמשך דבריו]: ולזה אמר הכתוב אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ ״הַמַּעַלְךָ״ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, ולא אמר אשר ״העליתיך״, כי מאי דהוה הוה, ואכן יציאת מצרים עד היום הוא, שבכל יום נגאלים ישראל מהקליפה ההיא וכו׳, וזה אומרו ״הַמַּעַלְךָ״ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם לשון הֹוֶה, שתמיד הוא גואלם.

KolSatmar.com

**עמלק חלילה האָט דאָך געוואָלט אינגאַנצן דעם כלל** [ישראל], **ער האָט געוואָלט מְאַבֵּד זיין חלילה אינגאַנצן - כביכול - דעם כלל ישראל מן העולם. און דער בורא כל עולמים האָט געהאָלפן, מ'האָט זיך מתגבר געווען אויף אים.**

**אָבער נאָר "וַיַּחֲלֹשׁ" יְהוֹשֻׁעַ** [אֶת עֲמָלֵק (בשלח יז, יג), שעשאם חלשים ולא מתים], **ס'איז 'געבליבן' פון אים.**

[ולכן כתיב] (שם, טז) **מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק 'מִדֹּר דֹּר', מ'האָט כסדר צו האָרעווען** [צון] **מכניע זיין עֲמָלֵק'ן.**

**יד**

[ולכן יש מצוה לזכור זכירת יציאת מצרים ומעשה עמלק, כי מלחמות אלו עדיין נוגע בכל דור, וע"י הזכירה נראה ונעבוד בכל מאמצי כוחנו לסגל מצוות ומעשים טובים, כדי להוציא נשמותינו מעמקי הקליפות האלה לגאלינו גאולת עולם. וגם שעל ידי הזכרון טוב להודות לה' על אשר עשה עמנו ביצאת מצרים ומלחמת עמלק, הנה הימים האלה נזכרים על העבר ונעשים ביום הזכרון להכניע שורשי הקליפות ההם. ולא כן במלחמת סיחון ועוג וסנחרב, שלא נשאר מהם מאומה. (מלשון הבאר מים חיים).

(ראה עוד סיום ישוב הקושיא, בדברי רבינו להלן באות כב)

**טו**

**ישוב קושיא ב**

ולכן הזכיר הכתוב בענין זכירת מעשה עמלק שזה היה בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם, ובלשון הוה,
כי הם שייכים להדדי, דהמלחמה בשני קליפות אלו שייכת בכל דור ודור עד שיזכו להגאולה שלימה

[ולפי דרכו של הבאר מים חיים נראה לבאר כין] **איבערדעם זאָגט מען זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק "בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם"** (עיין הדיוקים לעיל בקושיא ב), [ווייל] **מ'האַלט אין** [איין] **גיין** [אַרויס פון מצרים, ולכן נאמר זה בלשון הֹוֶה, כי עדיין אנו עומדים בדרך בצאתנו ממצרים].

[און] **דאָס איז איין זאַך** [ענין יציאת מצרים עם ענין מחיית עמלק, ולכן נזכר בכאן יציאת מצרים בכלל].

[ווייל] **ווען ס'וועט מתגבר זיין די קדושה בשלימות, וועט זיין די גאולה. וועט אויפאַמאָל אויסגעמעקט ווערן "עֲמָלֵק" און "מִצְרַיִם", ס'איז הא בהא תליא.**

[על כל פנים] **אַזוי שמועסט אויס דער באר מים חיים.**

**טז**

**המשך דברי הבאר מים חיים**

ולכן אמרו דגם לעתיד מזכירין יציאת מצרים בקריאת שמע, אף שנם יציאת מצרים יהיה טפל נגד נם הגאולה העתידה,
יען כי באמת הגמר של יציאת מצרים תהיה בגאולה העתידה, ולכן שייך הזכרת יציאת מצרים גם בגאולה העתידה

**איבערדעם זאָגט ער'** [דלכן אמרו חכז"ל][א] (ברכות יב:) **לא שתיעקר יציאת מצרים** [ממקומה אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו].

---

[ט] **בבאר מים חיים** (שם) [בהמשך דבריו]: וכמעשה ארץ מצרים הלזה נעשה **במלחמת עמלק**, כי הוא לא בא ללחום בגבורת אנשים בכלי קרב, כי ידע את הנעשה מקרוב למצרים. רק בטח על קליפתו הקשה שהיה נאחז בה, קליפה תקיפא עד מאוד, וראה בכשפיו שאין ישראל זכאים באותה שעה לצאת נקי מתחת ידו וכו', לולי משה רבינו ע"ה בכח תפילתו הזכה הרים קרן ישראל, וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל (בשלח יז, יא). ועם כל זה לא ביטל הקליפה ההיא לגמרי, כמו שאמר הכתוב (שם, יג) "וַיַּחֲלֹשׁ" יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ, שעשאום חלשים, לא מתים, ונשארה עוד קליפתו במעט לשלוט בנשמות ישראל ולהרע להם באשר תוכל. ואמנם המלחמה ההיא לא פסקה, ותמיד כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל - וכמאמר חז"ל (ראש השנה כט.) וכו' כל זמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים - וְגָבַר יִשְׂרָאֵל, וכו'.

[י] **בבאר מים חיים** (שם) [בהמשך דבריו]: ועל כן אמרו חכמים (ברכות יב:) **ימי חייך העולם הזה כל ימי חייך להביא לימות המשיח**, שגם בימות המשיח נזכיר יציאת מצרים, כי גאולתינו עתה היא גם מקליפות מצרים השולטת

אפילו [דהנסים של] לעתיד וועט דאָך זיין גרעסער, [כדכתיב] חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלוּךְ [מִכֹּל הָאֲרָצוֹת], פונדעסטוועגן מוז מען אַלץ [מזכיר זיין יציאת מצרים בקריאת שמע, ווייל] יציאת מצרים וועט אַלץ זיין [על כל פנים] א טָפֵל, מ׳וועט עס צוברענגען [להזכרת גאולה העתידה], ווייל ס׳איז הא בהא תליא [גאולה העתידה בהכנעת טומאת מצרים], דעס [הגאולה דלעתיד] איז געקומען דורך ״יציאת מצרים״. אַזוי האַלט מען אַלץ [אצל יציאת מצרים], מ׳האַלט אַלץ אין איין מכניע זיין טומאת מצרים, דעס מוז מען כסדר. [ונמצא] איז דאָס הא בהא תליא.

אַזוי גיט צו פאַרשטיין דאָרט דער **באר מים חיים** באריכות.

### יז

והיוצא מזה כי גמר יציאת מצרים תהיה רק לעתיד בגאולה העתידה, יען כי עדיין נשאר מכוחות הטומאה של מצרים, וצריכים עוד ללחום נגד זה

לפי זה קומט דאָך אויס אַז דער גמר פון **יציאת מצרים** וועט זיין הערשט ווען ס׳וועט זיין לעתיד די **גאולה העתידה** [שזה תלוי בגמר מחיית עמלק] (כדלהלן אות כא), און ווען ס׳וועט זיין **מחיית עמלק** [בשלימות] דעמאָלטס וועט זיין ׳נגמר׳ דער **יציאת מצרים**.

[ווייל] מ׳האָט ׳אַלץ נאָך׳ אין ׳זיך׳ געמישט די כוחות, פון די כוחות הטומאה. מ׳איז נאָכנישט ׳אינגאַנצן אַרויס׳ דערפון.

אפילו מ׳איז ״אַרויס״ פון [ארץ] מצרים, איז מען נישט ׳אינגאַנצן׳ אַרויס [מטומאת וקליפת מצרים].

### יח

הפסוק בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים רמוז בו גם שעבוד ״הנפש״

דער וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם וגו׳ בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה [שבפשטות קאי על שעבוד הגוף אשר מזה כבר יצאו בני חורין], דאָס איז נאָר א ״לבוש״. ס׳איז טאַקע דאָס ׳אויך׳ געווען, דער שעבוד ״הגוף״, ס׳איז אודאי אמת, אֵין מקרא יוצא מידי פשוטו, אָבער אין דעם ליגט נאָך מער ׳פנימיות׳, דער שעבוד ״הנפש״[יב].

---

לפי כוחה. וזהו שאמרו שם **לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה אלא שתהא שיעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו**, כי עיקר הגלות עתה הוא משליטות קליפות [אדום] כו׳, ואך כי גם גלות ׳מצרים׳ לא זזה ממקומה.

[יא] **בגמרא ברכות** (יב:): תניא אמר להם בן זומא לחכמים וכי מזכירין יציאת מצרים לימות המשיח, והלא כבר נאמר (ירמי׳ כג, ז-ח) הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה׳ וְלֹא יֹאמְרוּ עוֹד חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ״מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם״, כִּי אִם חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלָה וַאֲשֶׁר הֵבִיא אֶת זֶרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ צָפוֹנָה וּמִכֹּל הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר הִדַּחְתִּים שָׁם, אמרו לו [חכמים לבן זומא] **לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו.**

[יב] עיין **בזוהר הקדוש** (ח״א כז. וח״ג קנג. ובתיקונים דף קמז) מה שמפרש בפסוק זה על פנימיות הענין בשעבוד ״הרוחני״.

וכוונת רבינו בכאן נראה דהוא להקדים הקדמה למה שיבאר לקמן בדברי המדרש (בקושיא ג) שמפרש הפסוק לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם, דאם לא יקיימו זכירת מעשה עמלק יתקינו עצמם לשעבוד מצרים, שנאמר בה וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה ״בְּחֹמֶר״ וּבִלְבֵנִים. ורבינו מבאר שם דקאי על שעבוד הנפש שעדיין לא יצאנו מזה לגמרי, ולא על שעבוד הגוף. ועל זה יוקשה לכאורה דהלא הפסוק וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם מיירי בשעבוד הגוף, וכדמשמע גם בתוך לשון הבאר מים חיים עצמו, ולזה מבאר רבינו כאן דגם גלות ושעבוד ״הנפש״ מרומז בפסוק זה בפנימיות הענין.

KolSatmar.com

**יט**

וכן הוא בכל הגליות, דמלבד שעבוד הגוף יש גם שעבוד "הנפש"

לעולם איז דאָך אַלע גָלוּת'עֶר זענען דאָך אַזוי, מ'לייד מיר קודם אין גלות טאַקע "בגוף" [בענין זה כבר יצאו בני ישראל ממצרים], אָבער נאָכדעם [=מלבד זה] ווערט הערשט דער גלות "הנפש".

**כ**

וכמו שהוא בדורותינו אלה, דעיקר השעבוד הוא שעבוד "הנפש", שהוא קשה עוד יותר
מן שעבוד "הגוף", אלא שמחמת שמשוקעים בשערי טומאה אינם 'מרגישין' בזה כל כך

אַזוי ווי טאַקע מ'זעט **בדורותינו אֵלֶה**, דעס חציפות [הדור] וואָס מ'איז אַזוי משוקע, מ'איז אַזוי 'משוקע' [בגשמיות ושפלות], און רחוק פון די 'קדושה'. **דאָס איז דער שווערסטער גלות**, דאָס איז נאָך אַרגער דער גלות [מן גלות הגוף, נאָר] מ'שפּירט גאָרנישט אַזוי שטאַרק [כובד הגלות של עומק השפלות בנפש].

[און דאָס איז] טאַקע פאַר דעם. ווייל מ'איז אַזוי 'משוקע' [בשערי טומאה], איבערדעם 'שפּירט' מען נישט גאָרנישט.

אַזוי ווי די **גמרא** זאָגט[יג] [דהראשונים] זיי זענען געווען מחבבין את הצרות [שנגאלו מהן, ועל כן קבעו הרבה ימים טובים בברייתא דמגילת תענית], **מה שאין כן עתה איז אֵין בשר המת מרגיש באיזמל.**

**כא**

ועכ"פ לעתיד לבא כשתהיה גמר מחיית עמלק כמבואר במדרשים, אז תהיה גם כן הגמר של יציאת מצרים

אָבער על כל פנים איז דאָך דאָס די זעלבע [ענין יציאת מצרים ומחיית עמלק, ווי] דער מדרש זאָגט דאָך אין **ילקוט** (סוף בשלח)[יד], אֵימָתַי - זיי זאָגן [במדרש] אויף עֲמָלֵק'ן - אֵימָתַי יִמָּחֶה שמו, ביום שתיעקר כל עבודה זרה מן העולם ויהיה הקדוש ברוך הוא יחיד בעולמו.

דאָס וועט דאָך זיין **לעתיד**, ס'וועט זיין נאָך ביאת המשיח, נאָכ'ן עולם התיקון, דעמאָלטס וועט זיין נעקר שמו מן העולם, 'דעמאָלטס' וועט זיין **מחיית עמלק**, און 'דעמאָלטס' וועט פאַרטיג ווערן **יציאת מצרים**.

---

[יג] **בגמרא שבת** (יג:): תנו רבנן, מי כתב מגילת תענית, אמרו חנניה בן חזקיה וסיעתו, **שהיו מחבבין את הצרות**. אמר רבן שמעון בן גמליאל, אף אנו מחבבין את הצרות, אבל מה נעשה שאם באנו לכתוב אין אנו מספיקין. דבר אחר אין **שוטה נפגע. דבר אחר אין בשר המת מרגיש באיזמל.**

איני, והאמר רב יצחק קשה רימה למת כמחט בבשר החי, שנאמר (איוב יד, כב) אַךְ בְּשָׂרוֹ עָלָיו יִכְאָב וְנַפְשׁוֹ עָלָיו תֶּאֱבָל, **אימא אין בשר המת שבחי מרגיש באיזמל.**

[ופירש"י: מגילת תענית. לפי ששאר כל משנה וברייתא לא היו כתובין, דאסור לכתבם, וזו נכתבה לזכרון לדעת ימים האסורין בתענית, לכך נקרא מגלה, שכתוב במגלת ספר: מחבבין את הצרות. שנגאלין מהן, והנס חביב עליהן להזכירו לשבחו של הקב"ה, וכותבין ימי הנס לעשותן יום טוב, כגון אלין יומין דלא להתענאה בהון כו': **אין אנו מספיקין**. לפי שהן תדירות. לשון אחר אין אנו מספיקין מלעשות יום טוב בכל יום: אין **שוטה נפגע**. אין פגע רע בא עליו, כלומר אינו מכיר בפגעיו, כך כמה נסים באים לנו ואין אנו מכירין בהן: **בשר מת שבחי**. הגדל באדם החי מחמת מכה או מחמת כויה, אינו מרגיש באיזמל כשחותכין אותו:]

[יד] **בילקוט שמעוני** (רמז רסו): רבי אליעזר אומר אימתי יאבד שמם של אלו, בשעה שתעקר עבודת אלילים וְעוֹבְדֶיהָ ויהיה המקום יחיד בעולם ותהא מלכותו לעולם ולעולמי עולמים, באותה שעה וְיָצָא ה' וְנִלְחַם וגו' (זכרי' יד, ג) וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ (שם ט) ואומר (איכה ג, סו) תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם וגו'.

### כב
### סיום תירוץ הבאר מים חיים על קושיא א שלו

ולכן נצטוינו לזכור תמיד ענין יציאת מצרים ומחיית עמלק, כי עדיין יש לעמול על זה בכל דור להכניע כוחם. משא"כ במלחמת סיחון ועוג שנמחו מכל וכל בימי משה אין צורך להזכירם תמיד

איבערדעם זאָגט דער **באר מים חיים**[טו] [ליישב מה שהקשה] פאַרוואָס זאָגט מען נישט ["זכירת" מפלת] **סיחון ועוג**, ווייל דעס איז מען 'פאַרטיג' געוואָרן [בשעתו], דעס האָט מען אינגאַנצן, אים האָט מען אינגאַנצן מכניע געווען בשלימות, ס'איז נישט געבליבן פון זיי גאָרנישט קיין שום כח דערינען פון די כוחות הטומאה, איבערדעם האָט מען נישט געמאַכט פאַר זיי דירעקט קיין זֵכֶר, וואָרן מ'האָט שוין נישט צו טון מיט זיי גאָרנישט. מ'גיט נאָר א "שבח" אויף דעם פאַר הקדוש ברוך הוא[טז], אָבער מ'איז נישט מְצֻוֶּה קיין [מצות] "זכירה".

אָבער **יציאת מצרים** [וכן מלחמת עמלק] זענען נאָך געבליבן די כוחות הטומאה, דאַרף עס נאָך "נזכר" ווערן.

[עד כאן דברי הבאר מים חיים, עם הוספות].

### כג
### הוספת ביאור על דברי הבאר מים חיים

לכאורה הלא מבואר בפסוקים ובספרים הק', כי ביציאת מצרים זכו להוציא משם את כל ניצוצי הקדושה, ולכן נאמר על מצרים לֹא תֹסִיפוּ לִרְאֹתָם עוֹד עַד עוֹלָם

הגם ס'זעט אפילו אויס גאָר פאַרקערט, [דגלות מצרים כבר נגמר לגמרי]. וואָרן ס'שטייט דאָך (בשלח יד, יג) [כִּי אֲשֶׁר רְאִיתֶם אֶת מִצְרַיִם הַיּוֹם] **לֹא תוֹסִיפוּ לִרְאֹתָם עוֹד עַד עוֹלָם**, [ווייל] מ'האָט שוין אַרויסגענומען פון דאָרטן [כל הניצוצים הקדושים שהיו שבויים בתוכם][יז].

---

[טו] **בבאר מים חיים** (שם) [במסקנת דבריו]: אשר על כן, על כל הדברים הנאמרים, באה אלינו המצוה הזאת לזכור זכרונות הללו, בכדי שנראה ונעבוד בכל מאמצי כוחנו לסגל מצות ומעשים טובים, בכדי להוציא נשמותינו מעמקי הקליפות האלה לגאלינו גאולת עולם. **ועיקר בירור הנשמה מהרע תלוי בלבו של אדם, כי כערך שהוא שובר ומכניע את לבו הקשה לב הזונה מלחמוד לעבירה רעה קטנה או גדולה, ולהכניע תאוה רעה וקשה אף בהיתר, כן הוא מכניע את שורש הקליפה אשר על שורש נשמתו, ומברר הטוב מהרע כערך שמברר בלבו לבחור בטוב ולמאוס ברע.**

וגם **תועלת הזכירות הללו**, שעל ידי הזכרון טוב שאנו מזכירין בפינו להודות לק-ל ההודאות על רוב חסדו וטובו ונפלאותיו אשר עשה עמנו ביצאת מצרים ומלחמת עמלק וכו', הנה הימים האלה נזכרים על העבר ונעשים ביום הזכרון להכניע שורשי הקליפות ההם, כי עקימת שפתינו מעשה הוא, להיות נעשה מעין העשוי בימים ההם וכו'.

וזה הכל **במלחמות האלה** [של מצרים ועמלק], שעיקרם באו בתוקף הקליפה וישראל לא היו זכאים אז כל כך להכניעם לגמרי, וע"כ נשאר זכירתם עד גאולה האמיתית. ולא כן **בסיחון ועוג וסנחרב**, שבאו בכלי קרב, ולא נשאר מהם מאומה.

[טז] במה שאומרים בתפלה מזמור קל"ה דתהלים (י-יב): שֶׁהִכָּה גּוֹיִם רַבִּים וְהָרַג מְלָכִים עֲצוּמִים. לְסִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וּלְכֹל מַמְלְכוֹת כְּנָעַן. וְנָתַן אַרְצָם נַחֲלָה נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ.

וכן אומרים מזמור קל"ו דתהלים (יז-כב): לְמוֹלִיךְ עַמּוֹ בַּמִּדְבָּר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. לְמַכֵּה מְלָכִים גְּדֹלִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וַיַּהֲרֹג מְלָכִים אַדִּירִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. לְסִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וְנָתַן אַרְצָם לְנַחֲלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ.

[יז] כמבואר **בספר הליקוטים** (להאריז"ל, ויצא פרק לו): ועל כן נצטוו ישראל לֹא תֹסִפוּ לִרְאֹתָם עוֹד עַד עוֹלָם, משום שכבר נשאר שם הכל קליפה, וכבר נתברר כל הקדושה בצאת ישראל ממצרים, ואם כן מה צורך לישראל לירד לשם, אחר שיצאו בפרהסיא יצאו כל הניצוצות שהיו שם.

### כד

אמנם אין בזה סתירה לדברי הבאר מים חיים שגמר יציאת מצרים הוא בכל דור, דהגם שנתקיים וינצלו את מצרים והוציאו משם כל הניצה"ק, אבל מ"מ הכחות הטומאה שלהם עדיין נשאר קצת בכל העולם וצריכין עוד ללחום נגד קליפת מצרים

מוז מען זאגן, איז א סימן אַז דאָס איז צוויי [אַנדערע] זאַכן, ס'איז נישט קיין סתירה. פון דעם קאָן מען נישט פרעגן, דער באר מים חיים דאָס איז נאָכנישט קיין סתירה [לזה].

ס'קען זיין פון "דאָרטן" פון דעם **מקום** האָט מען אַרויסגענומען – [כדכתיב] וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרָיִם (בא יב, לו) – די גאַנצע **ניצוצין הקדושים** [שהיו בתוך ארץ מצרים][יח].

אָבער מ'האָט מיטגענומען די **כוחות הטומאה** [של מצרים] 'אויכעט' מיט זיך [בשאר מקומות]. איבערדעם דאַרף מען האָרעווען [כסדר אַז] מ'זאָל פון דעם אַרויס, 'וואו' מ'איז, בכל מקומות מושבותם.

### כה

וזהו עיקר השבח של יציאת מצרים, מה שיצאו משעבוד כחות הטומאה והכניעו אותם [רק לא לגמרי]

דער עיקר איז דאָך 'דאָס', דער שבח פון יציאת מצרים - זאָגן דאָך אַלע, - וואָס מ'איז אַרויס פון די כוחות הטומאה.

ממילא האַלט מען אַלץ 'אינמיטן' פון **יציאת מצרים**.

### כו

# ישוב הקושיות בפרשת מחיית עמלק

ועכ"פ יוצא מכל זה כי גמר מחיית עמלק וגמר יציאת מצרים הם שייכים להדדי, כי שניהם הם ענין הכנעת כחות הטומאה והיצר הרע, ובגמר שניהם תהיה גאולה העתידה

איז דאָס הא בהא תליא.

[ווען] מ'וועט מוחה זיין עֲמָלֵק, [דהכוונה על] שָׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו דער סמ"ך מ"ם, דאָס איז דאָך דער **יצר הרע**[יט]. דאָס איז דאָך תלוי אין דעם. [שהרי] **וויאַזוי איז מען דאָס מכניע די כוחות הטומאה?** [זהו רק על ידי וואס] **מ'איז זיך מתגבר אויפן יצר הרע**, מ'איז זיך מְקַשֵּׁר די מדות **פאַר'ן בורא כל עולמים**, מ'איז [זיך] **מְדַבֵּק אין די קדושה.**

קומט דאָך אויס, לפי זה איז טאַקע מחיית עמלק מיט **יציאת מצרים** גאָר איין זאַך.

### כז

ישוב קושיא ג-ד

עמלק רצה לאבד את ישראל ולהכניע כל כח הקדושה, וכן נמרוד כשלחם עם אברהם והשליך אותו לכבשן האש היה רצונו כן, אלא שהקב"ה עזר לאברהם להצילו מיד נמרוד, ועזר לישראל להצילם מיד עמלק

פאַרשטייט מען שוין פשוט דעם **מדרש** [בפסוק זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי אֵפֶר לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם].

עֲמָלֵק האָט געוואָלט מכניע זיין אַלעס [כל כח הקדושה]. אַזוי ווי ס'שטייט[כ] [אַז] פאַרדעם האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט ער וועט אים מְאַבֵּד זיין מן העולם, ווייל 'ער' האָט אַזוי געוואָלט טון מיט אידן.

---

[יח] כמבואר בכתבי האר"י (פע"ח שער הקריאת שמע פרק ג).

[יט] עיין **בגמרא** (בבא בתרא טז.) **תנחומא** (וישלח אות ח) **זוה"ק** (ח"א קע.) **אלשיך** (ויקרא טז, ה-י).

[כ] **במכילתא** (סוף בשלח): וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ. זקנים הראשונים אומרים כך מדה מהלכת על פני כל הדורות, שוט שישראל לוקין בו סופו ללקות. ילמדו כל אדם דרך ארץ מעמלק, שבא

KolSatmar.com

**און אַזוי איז געווען ביי אברהם אבינו מיט נִמְרוֹד'ן, וואָרן אברהם אבינו האָט געזאָגט וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר,** [ופירשו חכז"ל] (בראשית רבה מט, יא) **כבר הייתי ראוי להיות "עָפָר" מן המלכים "וָאֵפֶר" מנמרוד, מ'האָט אים פאַרברענט** [=השליכוהו לכבשן האש]**, מ'האָט אים געוואָלט חלילה מְאַבֵּד זִכְרוֹ זיין, און דער בורא כל עולמים האָט געהאָלפן** [והציל את אברהם מהם]**. און אַזוי האָט דער בורא כל עולמים געהאָלפן אידן** [בימי משה] **פון עֲמָלֵק'ן.**

**כח**

והעצה בכל דור להנצל מטומאת עמלק, הוא ע"י קיום המצות, ובפרט מצוה זו של זכירת מעשה עמלק ומחייתו

**און וויאַזוי ווערט מען פטור** [מטומאת עמלק]**, דורכדעם וואָס מ'געדענקט אַלץ, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, אַזוי ווי די תורה הקדושה האָט געהייסן. און מ'איז זיך מדבק אין דַרְכֵי הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.**

[ביז] **מ'ווערט זוכה זיין צו התרוממות קרן הַקְדוּשָׁה, מ'ווערט זוכה זיין** [צו] **מחיית עמלק.**

**כט**

ולכן אמרו במדרש הוו זהירין בזכירת מעשה עמלק, **ואם זכיתם אתם משולים לאברהם אבינו שהמשיל עצמו כאפר**, עבור שהושלך לכבשן האש, והצילו הקב"ה מיד נמרוד והכניע כחות הטומאה. **אבל אם לאו, התקינו עצמכם לשעבוד מצרים**, כי כל זמן שאין מכניעים לגמרי כחות הטומאה של עמלק, לא נכנע לגמרי גם כח הטומאה של מצרים, שהם הא בהא תליא

**דאָס זאָגט דער מדרש.**

[דהנה הפסוק אומר] **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק "בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם", איבערדעם איז ער דאָס מזכיר, ווייל ס'איז איינס** [ענין יציאת מצרים עם ענין מעשה עמלק] (וכדלעיל אות טו).

**זעט מען דאָך דאָ** [בפסוק] **אַז ס'איז איינס,** [ולכן הביאו במדרש את הפסוק] **זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי אֵפֶר לְגַבֵּי חֹמֶר** [גַּבֵּיכֶם]**.**

**אם זכיתם, ווען מ'איז זוכה, זענט עטס נמשל, משולים הם לאברהם אבינו** [שאמר] **וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר,** [שראוי היה להיות נשרף באור כשדים] **און ער איז געראַטעוועט געוואָרן,** [וכדכתיב אֲנִי ה'] **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר כַּשְׂדִּים** (לך טו, ז)**. מ'האָט אים געוואָלט חלילה מְאַבֵּד זיין מן העולם, אברהם אבינו'ן אויכעט, ווייל נמרוד האָט אים געוואָלט מְאַבֵּד זיין.**

**זעט מען פון דעם, אַז דער אייבירשטער העלפט מ'איז זיך מִתְגַּבֵּר, איז נאָך דער כח שטאַרקער** [פון בעפאָר דעם]**.**

**ל**

**ואם לאו, התקינו עצמכם לגבי שעבוד מצרים,** [שנאמר] **לְגַבֵּי חֹמֶר גַּבֵּיכֶם, וואָרן** [דעמאָלטס] **חלילה האַלט מען דאָך צוריק** [ענין הכנעת כחות הטומאה של מצרים]**, איז מען נאָכנישט פאַרטיג מיט יציאת מצרים.**

---

להזיק את ישראל ואבדו הקב"ה מחיי עולם הזה ומחיי עולם הבא, שנאמר כִּי מָחֹה אֶמְחֶה. וכן פרעה הרשע ששעבד את ישראל טָבְעוֹ הקב"ה בים סוף, שנאמר וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם סוּף. וכן כל אומה ומלכות שבא להזיק את ישראל, בו בדין דָּנָן וכו'.

KolSatmar.com

[שהרי] דער כח פון יציאת מצרים איז דאָך דער עיקר יציאת מצרים [מה שיוצאים] פון די כוחות הטומאה, און דאָס איז דאָך אויך תלוי אין מחיית עמלק.

איז דאָך פשוט מובן וואָס דער מדרש זאָגט **ואם לאו התקינו עצמכם לשעבודה של "מצרים"**.

**לא**

**ביאור דברי רש"י פרשת ויחי**

ברש"י: משנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד.

וקשה דהלא עדיין לא היה השעבוד כל זמן שאחד מן השבטים היה קיים

איבערדעם שטייט, מיט דעם פאַרשטייט מען וואָס ס'שטייט דאָרטן [בפרשת ויחי][כא], ווען יעקב אבינו איז נפטר געוואָרן [איז] **נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד**.

[ולכאורה] ס'איז דאָך נישט געווען קיין שעבוד [תיכף משנסתלק יעקב], פרעגן דאָך אַלע די קשיא. ס'שטייט (שמות רבה א, ד) **ווילאַנג "יוסף הצדיק" האָט געלעבט** איז דאָך אודאי נישט געווען קיין שעבוד, ער איז [דאָך] געוועזן מלך. און ס'שטייט[כב] **כל זמן "שאחד מן השבטים" קיים** [לא התחיל השעבוד].

**לב**

אמנם הכוונה, דשעבוד "גשמי" לא היה כל זמן שאחד מן השבטים קיים, אבל שעבוד "רוחני" היה משנפטר יעקב אבינו

נאָר ס'איז טאַקע נישט געווען קיין שעבוד "בגשמי", אָבער דעס **גלות "הנפש", דער שעבוד "רוחני"**, האָט זיך 'באַלד' אָנגעהויבן. די טומאה, טומאת מצרים, דאָס האָט שוין אָנגעהויבן 'אַריינצוקריכן אין נפש'.

נאָר ווילאַנג **יעקב אבינו איז געווען אויף דעם עולם**, ער איז געווען אַזוי שטאַרק [בכח הקדושה, אַז] ער האָט זיי מַכְנִיעַ געוועזן אינגאַנצן. אַקעגן אים האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן [כח הטומאה].

**נאָר ווען יעקב אבינו איז נסתלק געוואָרן**, האָט זיך שוין אָנגעהויבן **דער שעבוד הנפש**, דאָס נפש האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן משועבד [להתגברות כח הטומאה רח"ל], און דאָס איז - ווי דער **באר מים חיים** זאָגט - דאָס איז דאָך געווען דער עיקר [גלות מצרים].

און ס'שטייט דאָך דער **אר"י הקדוש** זאָגט דאָך אויך אַזוי, דאָס איז געווען דער עיקר השעבוד.

זיי ברענגען דאָך נאָך **אַלע קדמונים** אַזוי, נאָך פריער אויכעט.

**לג**

איבערדעם איז רעכט, דעמאָלטס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער שעבוד [הנפש, משנפטר יעקב]. מיינט מען נישט קיין שעבוד אין "גשמי".

---

[כא] **בבראשית רבה** (צו, א): וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם, למה פרשה זו סתומה מכל הפרשיות של תורה, אלא כיון שנפטר אבינו יעקב התחילה שעבוד מצרים על ישראל.

**וברש"י** (ריש פרשת ויחי): וַיְחִי יַעֲקֹב. למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם.

[כב] כן הוא **בסדר עולם** (פרק ג), **ובילקוט שמעוני** (רמז קסב), והובא **ברש"י וארא** (ו, טז).

KolSatmar.com

### לד
**סיום ישוב קושיא ג**

וכמו כן בגאולת מצרים, אף שיצאו משעבוד "גשמי",
אבל שעבוד "רוחני" עדיין שייך, אם ח"ו לא יתגברו נגד כחות הטומאה

די זעלבע זאָגט ער [במדרש] דאָ אויכעט אַזוי, טאָמער דו וועסט נישט געדענקען [מעשה] עֲמָלֵק'ן, מ'זאָל זיך מתגבר זיין אויף זרעו של עֵשָׂו, זיך מתגבר זיין אויף די כוחות הטומאה, איז חלילה **התקינו עצמכם לשעבוד מצרים**. [והכוונה על שעבוד הנפש לחוד], אַזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלטס, ס'איז געוואָרן [שעבוד הנפש] משמת יעקב אבינו.

אפילו זיי [המצריים] זענען נישטאָ שוין בעולם, אָבער די כוחות הטומאה זענען נאָך דאָ, איבערדעם [לזה אמר] **התקינו עצמכם לשעבוד מצרים.**

### לה
## ישוב הקושיות בפרשת שילוח הקן

**הקדמה לישוב קושיא א**

במדרש מבואר דהכנעת כח פרעה וחיילותיו, היה מכח מצות שילוח הקן, על שעבר פרעה על בחינה הנרמז בזה

די זעלבע [הוא בענין שילוח הקן, ליישב קושיא א].

[דהנה] דער **ילקוט ראובני** (כאן בפרשתן, בענין שילוח הקן) **ברענגט א מדרש**[כג], **וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם סוּף** (תהלים קלו, טו), הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט פאַר פַּרְעֹה'ן, **אני כתבתי בתורתי שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ, ואתה לקחת הָאָב ואת הבנים הִשְׁלַכְתָּ ליאור**, און דו האָסט נישט אַזוי געטון, איבערדעם **אני משלחך לים ומאבד אותך, אני משלחך לים, שנאמר וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם סוּף.**

זעט מען דאָך, הקדוש ברוך הוא האָט דאָס גענומען [ממצות שילוח הקן], **דעם התגברות כח הדינים אויף פרעה'ן האָט ער גענומען פון די מצוה פון שילוח הקן.**

### לו
**ישוב קושיא א**

ולדרכינו שיציאת מצרים וגאולה העתידה הא בהא תליא, נמצא דגם
הכנעת כח הטומאה בגאולה העתידה, הוא ע"י כח מצות שילוח הקן

איבערדעם פאַרשטייט מען [המדרש בקושיא א], ווי כ'האָב געזאָגט [לעיל] ס'איז הא בהא תליא יציאת מצרים מיט ביאת המשיח, דעמאָלטס וועט מען אַרויסקריכן, [דעמאָלטס] וועט זיין הכנעת [כח הטומאה], דער הכנעה פון די גאַנצע כוחות הטומאה פון "מצרים", [און] צו דעם האָט דאָך צוגעהאָלפן **שילוח הקן, אויף הכנעת מצריים.**

דעמאָלטס איז דאָך **תָּבֹא כָל רָעָתָם לְפָנֶיךָ** (איכה א, כב), דעמאָלטס ווערט ער נכנע.

די **הכנעת המצריים** דאָס שטאַמט דאָך פון שילוח הקן, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט ס'איז גאָר געווען וועגן דעם. און ווי כ'האָב געזאָגט, ווען מצרים וועט זיין אינגאַנצן נכנע, דעמאָלטס וועט זיין **ביאת המשיח.**

---

[כג] בשמות רבה (כ, ד): וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה, אמר לו הקב"ה, אני כתבתי בתורה שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ, ואתה שלחת את האבות ובנים השלכת ליאור, אף אני משלח אותך לים ומאבד אותך, שנאמר וְנִעֵר פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בְיַם סוּף, ואקח את בתך [בתיה] ואוריש לה גן עדן.

KolSatmar.com

**לז**

**וממילא מובן המדרש דע"י קיום שילוח הקן ממהרים ביאת אליהו ומשיח**

**פאַרשטייט מען שוין דעם מדרש, אם אתה קיימת מצות "שילוח הקן" אתה ממהר להביא רגלי משיח, און רגליו של אליהו.**

[ווייל] **ס'איז דאָך הא בהא תליא.**

**לח**

**ווען מ'וועט שוין זיין ראוי אויף ביאת המשיח וועט דאָך קומען אליהו און מְבַשֵׂר זיין אידן.** [ווי] **מ'זאָגט דאָך יעדן מוצאי שבת** (בזמר אליהו הנביא), **ער איז** [אִישׁ] **עָתִיד לְהִשְׁתַּלֵּחַ מִשְּׁמֵי עֲרָבוֹת,** [אִישׁ] **פָּקִיד עַל כָּל בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת,** [אִישׁ] **צִיר נֶאֱמָן לְהָשִׁיב לֵב בָּנִים עַל אָבוֹת.**

**ער וועט דאָך קומען לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא**[כד]**, ווען ס'וועט זיין הכנעת כוחות הטומאה**[כה]**.**

**און פון דעם** [מכוחות הטומאה] **איז דער 'ראש'** [טומאת וקליפת] **"מצרים"**[כו]**,** [שהכנעת כחם בא] **פון מצות שילוח הקן.**

**לט**

**ישוב קושיא א - אופן ב**

מצות שילוח הקן מיוחד במינו משאר מצות במה שקיומה הוא בהיסח הדעת, וכמו שדרשו כִּי יִקָּרֵא פרט למזומן

**נאָר פשוט'ער אויכעט** [אפשר לומר באופן אחר]**, דאָס איז א רמז** [בדברי המדרש, כי שילוח הקן וביאת המשיח] **ס'איז עפּעס איין בחינה.**

[וואָרן] **כּאָטש** [מצות] **"שילוח הקן", ווי גרויס די מצוה איז, די גרויסע ענינים וואָס אין דעם ליגט** [כמבואר בזוהר ותיקונים]**, פונדעסטוועגן איז עס פְּרַט לְמְזוּמָּן** (ספרי כאן, חולין קלט. ועוד).

**מ'דאַרף עס צו לערנען, לערנען די הלכה** [של מצות שילוח הקן] **און וויסן די הלכה,** [און] **זיין גרייט צו מקיים זיין די מצוה** [בשעה שיזדמן לפניו קן ציפור]**, אָבער דאָס "עצם הענין" טאָר מען נישט "אָנגרייטן",** [וכמו שדרשו מהפסוק] **כִּי "יִקָּרֵא", פְּרַט "לִמְזוּמָּן".**

**טאָמער האָט מען עס "אָנגעגרייט", איז שוין נישטאָ די מצוה פון שילוח הקן**[כז]**.**

**מ**

[ונמצא כי] **די מצוה איז בהיסח הדעת, אַזוי ווי א מציאה, אז ס'טרעפט זיך אין א מקום הפקר** [ולא בחצירו, וכמו שדרשו] **פְּרַט לִמְזוּמָּן,** [ס'איז] **נאָר בהיסח הדעת.**

---

[כד] כמבואר בסיום הפסוק (מלאכי ג, כג) המובא בדברי המדרש: הִנֵּה אָנֹכִי "שֹׁלֵחַ" לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא, לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְדוָד הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא.

[כה] וכמבואר שם בפסוקים שלפני זה (מלאכי שם, יח-יט): וְשַׁבְתֶּם וּרְאִיתֶם בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע, בֵּין עֹבֵד אֱלֹקִים לַאֲשֶׁר לֹא עֲבָדוֹ. כִּי הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר, וְהָיוּ כָל זֵדִים וְכָל עֹשֵׂה רִשְׁעָה קַשׁ וְלִהַט אֹתָם הַיּוֹם הַבָּא, אָמַר ה' צ-בָאוֹת, אֲשֶׁר לֹא יַעֲזֹב לָהֶם שֹׁרֶשׁ וְעָנָף.

[כו] כמבואר בכמה ספרים הק', ומהם **בבני יששכר** (ניסן ד, ב ג ו. כסלו ב, כה).

[כז] להבנת הענין ראוי לציין בזה, כי מה שנתפרסם לאחרונה בספרי זמנינו דלשון "מזומן" פירושו "רשות", ושהכל תלוי באם הקן הוא הפקר או לא, הוא נגד פשטות הבנת דרשת הספרי כאן דכִּי יִקָּרֵא פרט למזומן, ואין לזה מקור קדמון במפרשי הגמרא ושלחן ערוך (וע"ע בשו"ת התעוררות תשובה יו"ד ד, קנד. וצ"ע). אבל הפירוש הנכון בלשון "מזומן" הוא "אָנגעגרייט", כמשמעות פירושו הפשוט, וכן מבאר רבינו להדיא בכמה מקומות (כמצויין להלן בהערה ל), אלא שגילו לנו חכז"ל **בגמרא** (בבא מציעא קב. וחולין קמא:) 'דגם' באופן כשהוא ברשותו של אדם הוא ג"כ בגדר מזומן (ועי' בלשון רש"י חולין קלט. ד"ה אלא דחזא), אבל אין מקרא יוצא מידי פשוטו דעיקר לשון מזומן פירושו "אָנגעגרייט".

KolSatmar.com

מא

וכן ביאת המשיח בא בהיסח הדעת, כמבואר בגמרא

און אַזוי איז [גם אצל] **ביאת המשיח.**

**לעולם מ׳האָפט כסדר, אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא, מ׳בעט דערויף און מ׳האָפט** [דערויף]. **אָבער זיך מאַכן דערויף א חשבון ׳וויאַזוי׳ ס׳וועט זיין, דאָס טאָר מען נישט, ס׳מוז קומען בהיסח הדעת.**

**ווי די גמרא זאָגט**[כח] **ס׳קומט נאָר בהיסח הדעת. און ווי רבי זירא האָט געזאָגט** (שם) **בְּמָטוּתָא מִינַיְיכוּ לֹא תְרַחְקוּהָ, מ׳זאָל נישט שמועסן דערפון** [מן זמן קץ הגאולה].

מב

והכוונה דאף שאין להסיח דעת מלהשתוקק ולהתפלל על הגאולה, מ״מ הוא בהיסח הדעת, והיינו שא״א לצייר עתה בדעתינו איך תהיה אופן הגאולה ומתי תהיה קץ הגאולה

[וקשה] **לכאורה** [דהרי] **פון דעם שמועסט מען כסדר** [שמתפללין תמיד על זה].

**נאָר** [הכוונה הוא][כט]**, זיך מְצַיֵּיר זיין ׳וויאַזוי׳, אויף וואָס פאַר אַן אופן** [תהיה הגאולה]**, דאָס קען מען דאָך נישט.**

מג

[ובאמת] **ס׳איז טאַקע ניטאַמאָל מעגליך** [לצייר זאת, שהרי] **מ׳קען ניטאַמאָל משיג זיין וויאַזוי דאָס קען אויסזען, אין דעם שפלות הדור.**

**אָבער ס׳איז דאָך גאָר אַזוי, אז ס׳מוז דאָך זיין גאָר** [מיט] **א היסח** [הדעת, און] **ס׳איז טאַקע א היסח ׳הדעת׳, מ׳קאָן זיך נישט מְצַייֵר זיין ׳בדעת׳ וויאַזוי ס׳וועט אויסזען.**

**און אַז מ׳וויל זיך צופיל מְצַייֵר זיין, קען מען חלילה גאָר אַריינפאַלן אין שלעכטע דרכים.**

**מ׳מוז נאָר וויסן, נאָר אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אין הקדוש ברוך הוא, און בִּטָּחוֹן אֲמִיתִּי אַז ס׳וועט אודאי זיין.**

**דאָס מיינט די גמרא, איבערדעם דאָס הייסט, דאָס איז א ״היסח הדעת״ פון דעם ענין,** [ווייל] **מ׳שטעלט זיך גאָרנישט פאָר מיט׳ן ׳דעת׳ אויף וואָס פאַר אַן אופן די גאולה איז.**

מד

וגם א״א לעשות שום פעולת בשר ודם לענין הגאולה, ונמצא שגם ענין הגאולה הוא בבחינת ״פרט למזומן״, כמו מצות שילוח הקן

[ועוד דהגאולה] **ס׳איז פְּרַט לִמְזוּמָן,** [ווייל] **״אָנגרייטן״ קענסט דיך נישט דערצו. ״טון״ קען מען דערצו גאָרנישט.**

**׳נאָר׳ די מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים וואָס די תורה הקדושה האָט געזאָגט אז ס׳איז גוט צו דעם. נאָר מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, און תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, און תְּפִילּוֹת וְתַחֲנוּנִים**

---

[כח] **בגמרא סנהדרין** (צז.): תנו רבנן, כִּי יָדִין ה׳ עַמּוֹ וגו׳ כִּי יִרְאֶה כִּי אָזְלַת יָד וְאֶפֶס עָצוּר וְעָזוּב (האזינו לב, לו), **אין בן דוד בא וכו׳ עד שיתייאשו מן הגאולה, שנאמר ואפס עצור ועזוב, כביכול** [פירש״י: כאילו יכולין לומר דבר זה כלפי מעלה] **אין סומך ועוזר לישראל** [שיהיו שפלים למאד, ואומר אין עוזר וסומך, שיהיו מתייאשין מן הגאולה]. **כי הא דרבי זירא כי הוה משכח רבנן דמעסקי ביה** [לידע מתי יבא], **אמר להו במטותא בעינא מנייכו לא תרחקוה, דתנינא שלשה באין בהיסח הדעת, אלו הן משיח מציאה ועקרב.**

[כט] **עיין זה באורך בדברי רבינו בסעודת פורים תשט״ז** (חידושי תורה שם, אופן א), **ס״ג פרה תשי״ח** (לשון קדשו אות מב-מב), **ובדברי יואל** (תולדות עמוד תרסב, קדושים קכ, נשא קעא, חקת צב, ובמהדו״ת תצא רצז), **ועוד.**

KolSatmar.com

פאַר'ן בורא כל עולמים, אָן קיין שום "פְּעוּלוֹת" [בשר ודם], קיין שום פְּעוּלוֹת "גַשְׁמִיוּת" איבערהויפּט.

[ואם עושין פעולות לזה] **דאָס איז דער גרעסטער 'געפאַר'** [=סכנה] **אויף יְשׁוּעָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל.**

**מה**

[ונמצא כי] אַן ענין פון די "**גאולה**" [איז] **פְּרַט לִמְזוּמָן, אַזוי ווי שילוח הקן,** [וואָס] טאָמער גרייט מען זיך עפּעס אָן [איזה קן] איז 'אויס' מיט די גאַנצע מצוה.

**מ'דאַרף מְשְׁתּוֹקֵק זיין דערויף און ווילן** [לקיים המצוה], **און לערנען די הלכה, און זיין גרייט דערצו,** [עס] **מקיים צו זיין במחשבה ובמעשה** [כשיקרא ויזדמן לפניו קן צפור].

**אָבער "געטון" קען עס נאָר ווערן אַז ס'טרעפט זיך.**

**טאָמער "גרייט" מען זיך עס אָן, איז עס 'אויס' מיט אַלעמען.**

**מו**

**אַזוי איז די בחינה פון ביאת המשיח און ביאת אליהו, דעס וועט קומען מן השמים, פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים** (מלאכי ג, א), **פְּרַט לִמְזוּמָן.**

**חלילה ווען מ'טוט "פעולות", טויג נישט. איז השם ישמרינו, אזוי ווי די גמרא זאָגט, חס ושלום** [אני מתיר את בשרכם], **ווי די גמרא** (כתובות קיא.) **רעכנט אויס ביי 'די' שבועות** [של הגלות]. **ווייל מ'טאָר נישט** [טון] **קיין שום "פעולות".**

**מז**

[ובגמרא סנהדרין הנ"ל מבואר עוד כי] **ניטאָמאָל אין 'די מחשבה' האָבן א דרך "וויאַזוי" און "וואָס" און "ווען", 'וויאַזוי' קען זיין צמיחת גאולתן של ישראל.**

**סיי די 'התחלה'** [מתי תהיה], **און** [סיי] **בכלל 'וויאַזוי' ס'קען זיין, דאָס איז נאָר א היסח הדעת, אַזוי ווי שילוח הקן.**

**אַזוי זאָגט די גמרא** [סנהדרין, דמשיח בא "בהיסח הדעת"][ל].

**מח**

ונמצא שיש שייכות למצוה זו עם ענין הגאולה, ולכן המקיים מצוה זו ממהר ביאת המשיח

**איבערדעם 'דאָס' ברענגט 'דאָס'** [שמצות שילוח הקן ממהר להביא ביאת אליהו ומשיח, כי לדרכינו ששניהם מיוחדים בזה שהם פרט למזומן] **מסתמא איז דאָס איין שורש.**

**איבערדעם האָט מען געזאָגט, אז דו ווערסט 'דאָס' מקיים זיין** [אם קיימת מצות שילוח הקן, ועי"ז נמצא] **ווערסט וויסן דעם ענין, דו ווערסט זיין אין 'דער מחשבה' אַז ס'איז פאַרהאַנדן אַזאַ** [סאָרט] **"מִצְוַת הַבּוֹרֵא ברוך הוא" אז ס'איז "פְּרַט לִמְזוּמָן", ווער ס'וויל דאָ 'אַליין טון' איז מען עס 'מבטל' דערמיט גאָר, דעמאָלטס קאָנסטו 'מְמַהֵר' זיין רגליו של משיח און רגליו של ביאת אליהו.**

**אַז נישט, חלילה איז מען 'מְאַחֵר'** [רגלי משיח ואליהו], **אַז מ'גייט אַן אַנדערן דרך, ה' יצילנו מידם.**

---

[ל] **ועיין עוד בחינה זו בס"ג כי תצא תשי"ח** (לשון קדשו אות לא-לג), **כי תצא תש"כ, תשכ"ב, תשכ"ה, וס"ג ויחי תשי"ח** (דברות קודש לשובבי"ם ח"ג, עמוד כו-כז). **וע"ע בויואל משה** (א, צא).

מט

## ברכת הקודש

יְרַחֵם הקדוש ברוך הוא על עמו ישראל, מ׳זאָל מיר טאַקע זוכה זיין, מ׳זאָל זוכה זיין צו דער ישועה וואָס ס׳איז פִּתְאֹם יָבוֹא, במהרה, דער אייבירשטער זאָל העלפן.

מ׳זאָל מיר שוין די זכיה האָבן, היצט אין די ימי אלול, מ׳זאָל די זכיה האָבן זיך מְדַבֵּק צו זיין אין בורא כל עולמים.

מ׳זאָל מיר די זכיה האָבן, מ׳זאָל זאָגן אֱמֶת׳דיגע דיבורים פאַר השם יתברך.

מ׳זאָל זוכה זיין מ׳זאָל קענען האָבן עפּעס א הֲכָנָה אויף די הייליגע טעג.

במהרה זאָלן אידן געהאָלפן ווערן.

זאָל שוין זיין [אַז] **השם יתברך זאָל זיך יְרַחֵם עַל עַמּוֹ וְעַל אַרְצוֹ**, מ׳זאָל במהרה געהאָלפן ווערן מיט די ישועה שלימה.

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו׳ן א **שנת גאולה וישועה**.

דער בורא כל עולמים, דער אייבירשטער, איז אַ כֹּל יָכוֹל. מ׳קאָן נאָך אין ׳דעם יאָר׳ אויך נאָך געהאָלפן ווערן.

ס׳איז טאַקע אַלעס בהיסח הדעת, מ׳קען זיך נישט אויסמאָלן וויאַזוי.

אָבער אויף אַלענפאַלס זענען דאָך די טעג ימי הכנה אויף די ״הייליגע טעג״.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, מ׳זאָל מיר די זכיה האָבן מ׳זאָל קענען נאָך האָבן ׳הכנה׳ דערצו.

מ׳זאָל מיר נאָך זוכה זיין צום [קיום] רצון הבורא ברוך הוא.

מ׳זאָל קאָנען אין די הייליגע טעג הבאים עלינו ״צוקומען צום אֱמֶת, און מְעוֹרֵר זיין רחמים און חסדים״, רחמיו וחסדיו יתברך שמו.

אַז מ׳זאָל מיר זוכה זיין מ׳זאָל מיר זוכה זיין, ס׳זאָל נתעורר ווערן ס׳זאָל נתעורר ווערן אויף אידן די אלע ״זכותים״ די אֱמֶת׳דיגע, דער זכות פון די ״צדיקים וקדושים״, די ״עובדי השם יתברך באמת״.

מ׳זאָל מיר במהרה געהאָלפן ווערן מיט די ישועה שלימה, בהתרוממות קרן התורה וישראל און התגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com